כ"ה אדר א תשמ"א / דעם 1טן מערץ 1981

װ״ער טײערער און חשובער ה. בײם שליט"אן!
װאָס מאכט איר? פארשטײט זיך אז איך האָב זיך זײער
שטארק געפרײט מיט אײער בריװ פונעם 25סטן פעברואר װעלכער
איז נעכטן אָנגעקומען.
איך האָב געזוכט אומעטום און צום באדויערן איז קײן
סימן פון אײער בריװ ניטאָ. פארדריסט דאָס מיך זײער און
איך בעט אײער מחילה פאר דער פארשפעטיקער איבעריקער טירחא.
זײט מוחל, קענט איר מיר שיקן נאָך א פאָטאָגראפיע, אויך װעלכע
ניט איז אנדערע מאטעראלן װאָס זײנען געװען אין ערשטן
בריװ. נאָר אויף אײנס װיל איך זיך אײנשפארן: איך קער אײך
אום אלע הוצאות.
דאָס אײגענע װאָס שײך אײערע ביכער, אריינגערעכנט די
ערשטע אויפלאגעס פון זײ אלע: פאר א״ עדר ע ביכער איז
ניטאָ קײן צו טײער, טאָ װעל איך אײך זײער דאנקען פאר אלצ-
דינג: פאָטאָגראפיע, ערשטע אויפלאגעס פון אלע ביכער, װעלכע
ניט איז פאָטאָגראפיעס/פאָטאָקאפיעס פון ארטיקלען/ארבעטן
וכדומה — פאר אלץ װעל איך אײך זײער דאנקען און תיכף
ארויסשיקן א טשעק פאר די הוצאות. א הארציקן דאנק פאָרויס!
איך בין פארשטײט זיך אויך צופרידן ארײנצושטעלן אן אנאָנס
אין דער "ידיש-האָלענדישער װאָכנשריפט. נאָר װי מאך איך דאָס?
אויב עמעצער קען דאָס ארײנשטעלן װעל איך פארשטײט זיך
פרײען זיך צו באצאָלן דערפאר און האָפן אז ס'װעט טאקע
ברענגען רעזולטאטן.
אויך, אויב איר האָט קאָפּיעס פון פארשײדענע פאָטאָגראפיעס
פון אײך פון פארשײדענע צײטן איז דאָס אויסערגעװײנטלעך!
לאָזט נאָר װיסן װאָס זײנען די הוצאות.
צום באדויערן האָב איך ניט אײער לעצטן בוך פון 1974
איבער דער לײװארדענער קהילה. כ'האָב בײ זיך בלויז די
לעצטע אויפלאגעס פון שארית, ירושה און דאָס װערטערבוך
פון „ידישיזמען" אין דער האָלענדישער שפראך, און איך װיל
זײער האָבן אלץ װאָס איז פון אײער פעדער ארויס.
פראָפ' הערצאָג האָט מיר לעצטנס טעלעפאָנירט פון ניו-יאָרק
און ער האָט זיך געפרײט מיט אײער גרוס און געבעטן איך
זאָל אײך װידער איבערגעבן פון אים װארעמסטע גוטע װאונטשן.
איך װײס נאָך ניט װען פינקטלעך איך װעל קענען קומען
קײן האָלאנד, ס'װענדט זיך אָן דעם צי כ'ל קענען באקומען א
ביסל הילף דערפאר, ד"ה א שטיקל סטיפענדיע אויף א
װיסנשאפטלעכער רײזע װאָס זאָל דעקן אן ערך העלפט פון די
הוצאות. איך װעל אײך לאָזן װיסן באלד װי איך װעל האָבן
נײעס דערװעגן און דעמאָלט װעל איך בײ אײך פרעגן װען איז
פאר א״ ך די בעסטע צײט.
זײט געזונט און שטארק. מיט אלע בעסטע װאונטשן
בלײב איך אײער תלמיד

דוד קאַץ